„RADOMER-KIELCER LEBEN“ 23 (133) „Należytość pocztowa uiszczona ryczałtem“ יאהרגאנג פיערטער פרייז 25 גראשען

# ראדאמער-קעלצער לעבן

ראדאם פרייטאג י"ז סיון תרפ"ז פאר'ן אינהאלט פון טעקסט אין די אנאנסען איז די רעדאקציע נישט פעראנטווארטליך 17-go czerwca 1927 r.

הדינה פ ...

טיף געבויגען שטייען מיר נאך פריש'ען קבר פון אונזער לאנגיעהריגען פרעזעס

## אליעזר בריליאנט ז"ל

זיינע לייסטונגען צו פערשפרייטען קולטור צווישען די האנדווערקער-מאסען וועלען אינז בלייבען אייביג אין זכרון.

זאל איהם די ערד גרינג זיין.

**קולטור-קאמיסיע ביים האנדווערקער-קלוב אין ראדאם.**

---

צו דער פערלאבונג פון פר"ל **עווקע ביימאן** מיט ה' **שמעון בירנבוים** ווינשען מיר אייך, אז אייער ליבען זאל זיך צעבל הן אזוי ווי א רויז אין פריהלינג און דער מלאך פון גליק זאל זיין אייער אייביגער לעבענס בעגלייטער.

**מאטעק גיססער, יוסף וויינטרויב.**

---

**עווקע!**

נעם צו די פון אונז געשיקטע וואונטשען געזידמעט צו דיין פערלאבונג מיט ה'

**בירענבוים ש. (טאראנטא).**

דיינע פריינד

**רוזשע, אנדזשע, מאיר און בנימין.**

---

Z intencji zaręczyn kuzyna naszego **Arnolda Lichtensztajna** z p. **Salomeą Taśmianką** życzymy Im szczęśliwej przyszłości.

**Abram Elencwajgowie.**

---


# „DLA ZNAWCÓW“

**najwyższy opatentowany gatunek gilz**

**z trzema watami oraz ustnikiem bezdrzewnym**

poleca:

*fabryka gilz i bibułek*

## M. PASCHALSKI,

Radom.


---

# OBWIESZCZENIE.

**MAGISTRAT m. RADOMIA ogłasza niniejszem**

## KONKURS

na wybrukowanie ulicy Ogrodowej

Co do szczegółów i warunków robót informacyi wszelkich udzieli Wydział Budownictwa Magistratu.

Prekluzyjny termin składania ofert upływa z dniem 18 czerwca 1927 r.

**MAGISTRAT**

---

אין טיפען טרויער זענען מיר מודיע וועגען גרויסען פערלוסט, וואס מיר האבען צוליב'ן טויט פון אונזער לאנגיעריגען

פרעזעס און מיטגרינדער

# אליעזר בריליאנט ז"ל

**וועלכער איז געשטארבען דאנערשטאג דעם 16/6 ה. י. אין עלטער פון 74 יאהר.**

**די לויה וועט פארקומען פרייטאג דעם 17/6 פינקטליך 12 אזייגער מיטאג פון יודישען שפיטאל**

**וועגען וואס עס איז מודיע אלע האנדווערקער און פריינד.**

## יודישער האנדווערקער-קלוב אין ראדאם.

---

אין טיפען טרויער מעלדען מיר וועגען טויט פון גרויסען האנדווערקער מנהיג

## אליעזר בריליאנט ז"ל

אין מיר רופען אלע אונזערע מיטגלידער זיך צו בעטייליגען אין דער לויה, וועלכע וועט פארקומען פרייטאג דעם 17/6, פינקטליך 12 אזייגער מיטאג פון יודישען שפיטאל.

**רוישטאף קאאפעראטיוו „סורהיט“ אין ראדאם.**

---

אין טיפען צער מעלדען מיר וועגען טויט פון אונזער אונפערגעסליכען ראט-מיטגליעד

## אליעזר בריליאנט ז"ל

**קאאפעראטיווע האנדווערקער באנק אין ראדאם.**

ת' נ' צ' ב' ה'!

---

טיף געטראפען צוליב'ן גרויסען פערלוסט פון ראדאמער האנדווערקערטום צוליב'ן טויט פון

## אליעזר בריליאנט ז"ל

בעטייליגען מיר זיך אין טיפען טרויער צוזאמען מיט דער גאנצער האנדווערקער-משפחה.

**מאנדייטער-מייסטער-פעראיין אין ראדאם.**

---

אין טיפען צער מעלדען מיט וועגען פערלוסט, וואס עס האט אונז געטראפען צוליב'ן טויט פון גרויסען האנדווערקער-טוער

## אליעזר בריליאנט ז"ל

עה"ע זיין אנדענקען!

**שניידער-מייסטער-פעראיין אין ראדאם.**

# אליעזר ברילליאנט ז"ל

נעכטען דאנערשטאג איז דער פריה איז נאך לאנגע און שווערע ליידען געשטארבען אין עלטער פון 74 יאהר דער בעהאוסטער און איבעראל געאכטעטער טהוער און עסקן אליעזר ברילליאנט ז"ל. דער פערשטארבענער איז געווען גרינדער און פיליעצטיגער פרעזידענט פון האנדווערקער־קלוב אין ראדאם. לעצטענס איז ער אויסגעוויהלט געווארען אלס ויצע־פרעזעס אין שטאדט־ראט. די גרעסטע טייל פון זיינע יאהרען האט דער פערשטארבענער געווידמעט דער געזעלשאפט. אין יעדער עת צרה סיי פון כלל, סיי פון א יחיד איז ער גרייט געווען זיך מקריב צו זיין. אויפן רוף פון יעדען ליידענדען איז ער געווען וואך, נישט שפארענדיג זיין מיה און כחות צו ראטעווען א מענשען. אין די לעצטע יאהרען זיינע, ווען ער איז שוין געווען אלט, קראנק און צובראכען האט מען איהם געטראפען ארומלויפענדיג אין דערט א יוד א טובה צו טהון, דא האט מען איהם געזעהן אינטערווענירען צווישען לאקאטארען און הויז־בעזיצער. וועלכע ער האט דורך געגלייכט אין נישט איינמאל מכפר געוועזען דאס ביסעל בעטגעוואנד פון ארויס מען לאקאטאר ווי וואלגעלט זיך נישט ארומוואלגערען אין דער גאס. דא האט מען איהם בעגעגענט אין מאגיסטראט אין אין אנדערע מאכט־אינסטאנצען, וואו ער האט מליץ טוב געווען פאר'ן נויטבעדערפטיגע און ליידענדע.

דער פייערדיגער פונק פון מסירת נפש, וואס דער פערשטארבענער האט פערמאגט איז געווען זעלטען־וואו צו בעגעגענען. טראץ זיין ליבע און איבערגעגעבענקייט צום ראדאמער האנדווערקערטום, האט זיין הארץ געווען אויך אין ער האט מיטגעפיהלט דעם צער און פיין פון די ברייטערע ארימע יודישע מאסען, פאר וועמען ער האט זיך מוסר נפש געווען און אוועקגעגעבען זיינע לעצטע כחות.

די ידיעה פון ל. ברילליאנט'ס טויט האט אין שטאדט געמאכט א טיפען איינדרוק. ס'איז געשאפען געווארען א ספעציעלער קאמיטעט, וואס האט איינ־ארדענען און אנפיהרען מיט דער לויה, וועלכע וועט פארקומען היינט 12 אזייגער פון יודישען שפיטאל, וואו דער פערשטארבענער איז געלעגען קנאפע צוויי וואכען. דער לויה־צוג וועט געהן פון יודישען שפיטאל, און אויפן וועג זיך אבשטעלען ביים האנדווערקער־קלוב אויפ'ן וואעל. פון דארט אין דער שול־גאס און דאן אויף די גאסען וואעל און לובלינער. וואו די לויה וועט זיך ווי־דער אבשטעלען ביי דער רויה־שטאף־קאאפעראטיוו (לובלינער 23) און ביי דער קאאפעראטיווער האנדווערקער־באנק (לובלינער 31) אומטום וועלען געהאל־טען ווערען הספדים און נאכהער וועט די לויה דורך זגאדנא־גאס אוועק אינ'ן פלאץ פון בית עולם. ווי מיר הערען גרייט זיך די גאנצע שטאדט איבער צו נעה־מען אין דער לויה, כדי אבצוגעבען דעם לעצטען כבוד דעם פערשטארבע־נעם אונטערמידליכען און איבערגעגעבע־נעם כלל־טוער. אלס צייכען פון טרויער האט דער מאגיסטראט געמטען ארויסגעהאנגען א פאהן געהילט אין שווארצע קרעפע.

כבוד זיין אנדענקען!

תנצבה


Zginęła książka członkowska powiatowej Kasy Chorych w Radomiu za Nr 1122 na imię: MELCHIOR vel MILCHIOR ABRAHAM. Znalazca zechce złożyć w redakcji „RADOMER-KIELCER LEBEN".

Kino „CORSO" w Radomiu.

פון היינט אן דאס בערימטע העררליכע בילד

**Krzyżowa droga białych niewolnic**

דאס בילד שטעלט פאר מיט זיך דעם האנדעל מיט לעבעדיגע סחורה.

PENSJONAT

SONI WISZNIA

w Kazimierzu nad Wisłą

Willa „Świtezianka" na górze Małachowskiego duże słoneczne pokoje, wykwintna kuchnia, troskliwa opieka nad dziećmi.

Dr. med.

JÓZEF TENCER

Choroby uszu, nosa, gardła i płuc

RADOM, PIŁSUDSKIEGO 14.

przyjmuje od 9 — 10 r. i od 5 — 7 p. p.

PENSJONAT

CH. SZENDEROWICZ

w Kazimierzu nad Wisłą.

OTWARTY

wiadomość na miejscu.


דעם טיפסטען און אינערלעכסטען צער פיהלען מיר צוליבן פארלוסט פון אומערמידלעכן האנטווערקער־טוער

אליעזר ברילליאנט ז"ל

ת"נ"צ"ב"ה!

מעטאל־מייסטער־פאראיין אין ראדאם.

מיר באטייליגן זיך צוזאמן מיט דעם גאנצן האנטווערקערטום אין זייער צער, צוליבן טויט פון גרויסן פירער

אליעזר ברילליאנט ז"ל

כבוד זיין אנדענקען!

קאמאשנמאכער־מייסטער פאראיין אין ראדאם.

טיף געטראפן פון דעם גרויסן פארלוסט, וואס עס האט געטראפן דעם גאנצן ראדאמער האנטווערקערטום צוליבן פארלוסט פון גרויסן האנטווערקער־טוער

אליעזר ברילליאנט ז"ל

באטייליגן מיר זיך אין זייער צער.

בעקער־מייסטער־פאראיין אין ראדאם.

## עפענטליכע ווענדונג צו די ג. רבנים ומו"צ:

אדמור ר' יעקב טוב שליט"א, הרב מקוויף שליט"א און הרב מו"צ ר' נחמן דרילרזשער שליט"א ווי אויך די בוררים ר' אברהם פלאצקי נ"י עם ר' מרדכי קלאהרפעלד נ"י בראדאם.

אזוי ווי עס איז פארגעקומען א ד"ת צווישען מיר מיט ר' **אביש בירענבוים** ביים רבי'ן ר' **יעקב טוב** שליט"א, וועלכער האט צוקאאפטירט די אויבענדערמאנטע רבנים שליט"א און נאך פיעל שקליא וטריא בערך 3 חדשים צייט האבען זיי ארויסגעגעבען א פסב"ד אז ר' **אביש בירענבוים** איז מחויב (לויט מיינע תביעות) איינצולעגען 6000 זלאטעס אדער קראנטע וועקסלען ביים שליש און גלייכצייטיג מיר געפסק'ענט א קב"ה, נאך וועלכער, זעלבסטפערשטענדליך, די 6000 זל. געהערען צו מיר. דער טערמין פון איינלעגען דאס געלד, אדער קראנטע וועקסלען איז בעשטימט געווען לא יאוחר ווי ביז יום ה' ב' דהעליתד. אזוי ווי איך בין געווען גרייט מקבל צו זיין און דער ה' **אביש בירענבוים** האט נישט מקיים געווען דעם פסב"ד און ביז היינט נישט איינגעלעגט, ע"כ באתי להודיע בשער בת רבים, אז איך בין בערייט יעדע מינוט מקבל צו זיין און מקיים צו זיין דעם פסב"ד און ווי ס'ווייזט זיך ארויס האט דער ה' **אביש בירענבוים** נישט בדעה מקיים צו זיין. איך פאדער דעריבער די געעהרטע רבנים ד. ה. דאס בר"צ מיר ארויסצוגעבען א סירוב למען האמת והצדק.

מיט אכטונג **אלי' גאטליעב.**

Redaktor i wydawca Ch. M. Herc

Odbito we własnej drukarni, Radom, Szwarlikowska 20.